Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

!נעילאט ,רעפטנע

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

## ענטפער, טאַליען!

דאָ איז דײַן ראנד! צווישן פעגאָרים-בערג פון אש!
געשווינדער איַיל! פארטרוי איצט דײַנע ווארגנדיקע טריט אים!
האָסט עפשער נאָך מיט וואָס צו איבעראשן — איבעראש!
באוונדערן פארלאנגסט עפשער מיט עפּעס — ביטע!

נאָר בעט ניט קיין גענאָד! עס איז דײַן מויל אין בלוט!
מאכ זיך צום אָפּשייד גרייט. געזעגן מיט דער האק זיך.
ס׳קערט עפשער אום זיך דער פארשטאנד דיר אפ א ווײַלע — גוט!
איז שלעפּ אראָפּ דעם ווערעמדיקן רויב-זאק פון די אקסל,

מיט כעזשבן טרייסל אויס אים ביז צום דעק,
ווײַז, צוליב וואָס זײַנען געווען אָפּן דײַנע אויגן,
צו וואָס עס האָט בא דיר א הארץ געקלאפּט — אנטפלעק!
און צוליב וואָס עס האָבן דײַנע אנגלען זיך באוויגן.

די הענט דײַנע די בלוטיקע — באקוק!
די טרערן און דעם וויי, וואָס זיי האָבן געקאָסט, — בארעכן!
עס זײַנען דײַנע בערג פעגאָרים ניט גענוג
אפּ צו באצאָלן פאר די מאָרדן און פארברעכנס,

וואָס האָסט מיט זיי באקרוינט דײַן בלוטדורשטיקן וועג,
וואָס האָסט מיט זיי פארזייעט שטעט און לענדער.
ניט אפּ קיין רו געעפנט האָט דײַן קייווער זיך! ער פרעגט:
— ווער ביסטו, כּיַיע, און פונוואנען — ענטפער!

עס קאָן דעם וועג ניט טרעפן דער פארשטאנד,
עפּעס פאראטן דאָס געזעץ פון דער נאטור האָט און פארענדערט:
— אוועלכע טראכט דיך אויסגעטראָגן האָט אין פעסט און שאנד?
— אוועלכע העקדעשן האָבן דיך אויסגעכאָוועט — ענטפער!

דער קייווער פרעגט. עס הערט זיך אײַן דער רוים.
די ווײַט — אן אופגעוועקטע רײַסט פון זיך די פענטן:
— ווער האָט עס דיך, פארדארבונג, צפּגעלאָזט פון צוים?
— ווער האָט צום לעבן דיר געגעבן שליטע — ענטפער!

ס'וויל ניט דאָס פעלד פארשטאָכן זײַן מיט צלאָמים וויסט,
און ס'וויל די גרינע בייט ניט גראָבן זיך פאר קוואָרים;
דעם אקער מאָנען זיי! ער זאָל זיי געבן א צעשלים.
זיי דארפן פרוכפערונג, זיי דארפן בליִען און געבאָרן!

נאָר ס'קאָן די ערד קיין פרוכט ניט געבן פון איר טראכט,
און ביימער קאָנען ניט אנטפלעקן זייער שפראָצונג,
ביזוואנען ס'וועט אף דיר ניט אָנטאָן זיך די נאכט,
ביז אָפגעמעקט ס'וועט ניט דײַן לעצטער טראָט זײַן!

ניט אופגיין קאָן פון טיפעניש דער קוואל,
ניט לייגן קאָנען זיך די טויען אף געוויקסן,
ביז אונטער שווערד — דער לעצטער וועט פון אײַך ניט טאָן קיין פאל,
ביזוואנען ניט צעבראָכן וועט דײַן לעצטע ביקס זײַן!

איז בעט ניט קיין גענאָד! און שטרעק ניט אויס די הענט,
וואָס האָבן, בלוטיקע, בא פרויען אופגעריסן בײַכער
און זקיינים לעבעדיקערהייט פארברענט
און מעסערס אין די קינדער שוצלאָזע געשלײַדערט.

א כעזשבן פירן מיר געדולדיק און גענוי.
ער איז מיט בלוט פארקריצט און מיטן וויטעק טיף באהאלטן;
מיר וועלן אופמאָנען פאר יעדעס אויסגעשטאָכן אויג,
פאר יעדעס קינד, פאר יעדער טײַוולשער פארגוואלדונג!

טרינק אויס דעם גיפט, וואָס האָסט אין בלוט דײַנעם אנטפלעקט
און אף אים אָנגעטאָן א פינצטערע קאמייע, —
דער קייוער ווארט. טרינק אויס אים ביז צום דעק.
ס'באפעלט דיר דאָס געביין פונעם פארברענטן רויטארמייער,

וואָס דו געשונדן האָסט זײַן ברענענדיקע הויט,
און ער האָט אין דײַן פארצעפ טויטערהייט דיר אָנגעשפיגן.
ער לעבט! דו הערסט? ער איבערוווּנדן האָט דעם טויט.
— נעקאָמע! — רײַסט דאָס פײַער פון זײַן לײַב זיך ווי מיט פליגל.

— נעקאָמע פאר די זויג-קינדער, ארויסגעריסענע פון שטאַם!
— נעקאָמע פאר די מאמעס די געשענדעטע אף וועגן!
ס'וועט ניט גענוגנד זײַן דער גענעמדיקער פלאַם
און ניט די אָפגרונטן פון יאַם פארדײַנעטוועגן!

— נעקאָמע פאַר די טעכטער די פאַרפּײַניקטע אין שאַנד!
— נעקאָמע פאַר די הײמלאָז-װאָגלענדע יעסומים!
עס לײגט ניט אײַן זיך בא דעם סאָטן אין פאַרשטאַנד, —
פון װעלכע שטײַגן אױסגעריסן האָסטו זיך, פון װעלכע צױמען!

פאַרבראָכן טליִען קױמענעס װי א דערשטיקט געשרײ,
און טײַכן איבער ברעגן רײַסן זיך פון צאָרן:
— נעקאָמע פאַר באַגראָבענע, צעבראָקטע לעבעדיקערהײט!
— נעקאָמע פאַר דער ערד, פאַרװאַנדלטער אין קװאָרים!

א כעזשבן װערט געענטפערט מיט װײ געפירט.
אים פאַרזעצן קײן קױעך און געדולד איז שױן ניטאָ מער!
עס מאָנט דאָס בלוט ס'פאַרגאָסענע: — פאַרניכט!
עס שרײַען בײנער פון פאַרפּײַניקטע: — נעקאָמע!

——— ★✦★ ———

## דערהאַרגע אים!

דערהאַרגע אים, דעם פײַנט, װו נאָר דו אים דערזעסט!
דערמאָרדע אים, װו נאָר פון ערגעץ ער באַװײַזט זיך!
צעטראָטן האָט ער העפקער דײַן פאַרהאָרעװעטע נעסט,
מיט שאַנד באַדעקט דײַן ליבסטע און געטרײַסטע...

האַק אָפּ זײַן האַנט, װו נאָר ער שטרעקט זי אױס,
דעם טױט דורך פײַער אָטעם אומעטום אַרײַן אים!
ער האָט דײַן קינד דעם קאָפּ צעפּלעט בא דיר אין הױז
און אַפּ די אױגן פון דער מוטער עס פאַרפּײַניקט.

פאַרלענד אים אַפן װעג, װו נאָר זיך ער פאַרטרױט,
אַפּ יעדן טראָט גלײַך װי א שאָטן נאָך אים לױער;
ער האָט דײַן פעלד פאַרװיסט, באַרױבט דײַן ברױט
און אָנגעזױגט א יעדער גראָז מיט פּײַן און טרױער.

פאַרטיליק אים באַטאָג, פאַרטיליק אים באַנאַכט,
אַפּ מילשטײנער פון ברענענדיקן צאָרן איבערמאָל אים;
ער האָט דעם אומגליק אין דײַן פרידלעך לאַנד געבראַכט
און רײַסט מיט װוט צום האַרץ זיך װי א קלאָלע.

זאָל אין דער שלאַכט קײן מאָס ניט װיסן דײַן געװאַג,
װען קעגן פײַנט צעגלאַנצט דײַן שװערד זיך די געטרײַע;